Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 15 גראשען | היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 109 | Łódź, Środa, 11 maja 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך, ה׳ אייר תרצ״ב | № 109

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# לעברען-פראנצויזישער פרעזידענט

## ער איז געוועהלט געווארן ביי דער ערשטער אפשטימונג מיט 623 שטימען

ווערסייל, 10. (ספ. טעל.) 2 א זייגער ביי־טאג האט זיך געעפענט די זיצונג פון דער נא־ציאנאלער פערזאמלונג אויסצוועהלען א פרעזי־דענט פון דער רעפובליק אויפ׳ן ארט פון ערמאר־דעטען פרעזידענט דומער, די נאציאנאל־פערזאמ־לונג בעשטעהט פון 308 סענאטארען און 594 דע־

### ארבער לעברען



געוועהלט אלס מלוכה-פרעזידענט

פוטאטען צוזאמען פון 902 מיטגלידער.

פאריז, 10. (ספ. טעל.)

אלס פרעזידענט פון דער פראנצויזישער רע־פובליק איז אין דער ערשטער אפשטימונג אויסגע־וועהלט געווארען דער פארזיצער פון סענאט אלבער לעברען.

דער רעזולטאט פון דער אפשטימונג איז פאל־גענדער: אנוועזענד זענען געווען 902 מיטגלידער פון דער נאציאנאלער פערזאמלונג, געשטימט האבען 826, לעברען (רעפובליקאנישע אוניע) האט בעקומען 623 שטימען, פאל פארע (סאציאליסט) 114 שטימען, פענלעווע (רעפובליקאנער סאציאליס־טען) — 12 שטימען; קאשען — (קאמוניסט) — 8 שטימען, און אנדערע צו עטליכע שטימען.

דער פרעזידענט לעברען איז אריינגעקומען אין זאל און איז בעגריסט געווארען דורך דער פער־זאמלונג. לעברען האט דא געהאלטען א טרויער־רעדע נאך דומער׳ן.

לעברען איז געבוירען געווארען דעם 29־טען אויגוסט 1879, ער שטאמט פון עלזאס, ער האט געענדיגט דאס פאליטעכניקום און די בערג־אקא־דעמיע, ער האט געארבייט אלס אינזשיניער און האט זיך ספעציאליזירט אין באהן־וועזען.

אין יאהר 1900 איז ער אריין אין פארלאמענט עטליכע מאל איז ער געוועהלט געווארען אלס סעק־רעטאר פון פארלאמענט און אלס וויצע־פרעזידענט אין יאהר 1911 איז ער אין קארסאקא־קאבינעט גע־ווען קאלאניען־מיניסטער און דאן נאך עטליכע מאל געהאט מיניסטער־פארטפעלען ביז נאך דער מלחמה. זייט א יאהר איז ער פרעזעס פון סענאט, ער איז אייבער פון די באהענסטע מיטארבייטער פון פוי־אנקארע.

פאריז, 10, (ספ. טעל.)

טארדיע האט איבערגעגעבען דעם פרעזידענט לעברען די דימיסיע פון קאבינעט.

# הכנות צו דומער׳ס לויה

## גאטעסדינסט אין ווארשא

ווארשא, 10. (טעלעפאניש). לויט דער אי־ניציאטיוו פון דער פראנצויזישער אמבאסאדע אין ווארשא, וועט דאנערשטאג אין טאג פון דער לויה פון ערמארדעטען פרעזידענט דומער אפגעריכט ווערען א תפילה אין דער גרויסער קאטעדרע.

# ווער איז גארגולאוו

## די עמיגראנטישע פרעסע וויל איהם מאכען פאר א קאמוניסט

פאריז, 10. (ספ. טעל.) דער בעקאנטער פא־ריזער אדוואקאט גערא האט זיך אפגעזאגט אנ־צונעהמען גארגולאווס פערטיידיגונג, זיין אפזאג האט ער מאטיווירט דערמיט, אז ער איז געווען אין באהענטע פערזענליכע בעציהונגען מיט דער פאמיליע פון פרעזידענט דומער.

פאריז, 10. (ספ. טעל.) די אויספארשונג וועגען גארגולאווס פערגאנגענהייט האט ענטדעקט א זעהר וויכטיגע איינצעלהייט. צו דער מאכט האט זיך נעכטען געמאלדען א רוסישער עמיגראנט וועלכער האט ערקלעהרט, אז גארגולאוו קען ער אונטער׳ן נאמען טשולקאוו, און איז צוזאמען מיט איהם אין יאהר 1924 געווען אין קאווקאז, וואו ער האט פראקטיצירט אלס דאקטאר, פון דעם איז צו זעהן אז גארגולאוו איז ערשט אין יאהר 1925 געקומען פון סאוויעט־רוסלאנד און האט אין פראג אנגע־הויבען אן אינטענסיווע פראפאגאנדע צו גרינדען א נייע רוסישע פאשיסטישע ריכטונג.

ווארשא, 10. (טעלעפאניש), די רוסישע עמי־גראנטישע צייטונג „מאלווא״ וואס געהט ארויס אין ווארשא, האט היינט אפגעדרוקט פאלגענדע סענסא־ציאנעלע ידיעה:

„אין רעדאקציע פון „מאלווא״ איז געקומען א געוו. אויספארשונגס־בעאמטער פון איינע פון די שטעט אין דרום־רוסלאנד, דער דאזיגע געוועזע־נער בעאמטער האט געוואלט ערקלערען, אז גאר־גולאוו איז געוועזען א געוועזענער "טשעקא"־בעאמ־טער אין אדעס.

# ארעסטירט די אנפאלער אין כפר יחזקאל

## אויף די קאלאניסטען פרויד און הערשקאוויטש

ירושלים, 10. (יט״א טעלעגראפיש). גע־בען בית־עם זענען ארעסטירט געווארען צוויי בע־דואינער, וועלכע האבען אויסגעפיהרט דעם אנפאל אין כפר יחזקאל אויף די קאלאניסטען פרויד און הערשקאוויטש. די ארעסטירטע האבען זיך מודה געווען אין אנפאל. זיי האבען אויך אויסגעגעבען א דריטען בעדואינער, וועלכער האט אויך אנטייל־גענומען אין דעם אנפאל.

---

קול אנחה וזעקה כי נפלה עטרת ראשינו

גוע ונאסף אל עמיו הרב הגדול צדיק וישר חכם הרזים חסיד ועניו

נ״ע

# ר׳ מאיר בארנשטיין ז״ל

(בן הרב הגאון הצדיק מביאלא ז״ל, אחיו וחתנו של אדומו״ר הרב זצ״ל רשכבה״ג מסאכאטשוב)

הלויה תהיה היום, ביום ד׳ פרשת אמור, ה׳ אייר, בשעה 12 בצהרים מבית בנו ר׳ מענדיל בארנשטיין נ״י בלאדז, נאוואמיעסקא 30

השרוים בצער עמוק

## בנו, כלתו, חתניו, בנותיו ונכדיו.

# בילינער מאכען דירה-געלד

## אזא דעקרעט ווערט צוגעגרייט דורך דער רעגירונג

וו א ר ש א, 10 (טעלעפאניש) די רעגירונג גרייט זיך ארויסצוגעבען א גאנצע רייה דעקרעטען. צווישען זיי אויך א פראיעקט וועגען בילינער מאכען דירה-געלד. בילינער מאכען עלעקטריע און באהן.

### וואס פארא רעגירונג וועט פראנקרייך האבען?

#### מ'ווארט אויף די פארטיי-קאנגרעסען

פ א ר י ז, 10. (ספ. טעל.) בישט קוקענדיג אויף דעם ענטגילטיגען נצחון פון די לינקע בעת די וואהלען, הערשט אין די פאליטישע קרייזען אן אומזיכערקייט וועגען דער צוקונפטיגער מעהר־הייט אין פארלאמענט, מ'רעכענט אז הערייא וועט בישט בילדען קיין מעהרהייט מיט די סאציאליסטען, די ענטגילטיגע בעשלוסען וועלען אנגענומען ווערען נאך די פארטיי־צוזאמענפאהרען.

### פרענטש-בעריכט ווערט פער-עפענטליכט

#### אין די נאהענטסטע טעג

י ר ו ש ל י ם, 10. (יט"א טעלעגראפיש). ווי יט"א ווערט געוואויר, וועט דער פרענטש-בעריכט פערעפענטליכט ווערען אין די נאהענטסטע טעג.

### יוד. אגענץ, ארבייטער-פעדע-ראציע ארויסגעשיקט קאנדא-לענצען

#### צו דער לויה פון אלבער טהאמא

י ר ו ש ל י ם, 10. (יט"א טעלעגראפיש). די עקזעקוטיווע פון דער יודישער „אגענץ", דער „ועד הלאומי" און די ארבייטער-פעדעראציע, האבען ארויסגעשיקט קאנדאלענץ-דעפעשען קיין פאריז צו דער לויה פון אלבער טהאמא.

### „באנק פאלסקי" האט געקויפט א מיליאן דאלאר

#### נעכטיגער קורס 8,84 — 8,85

וו א ר ש א, 10. (טעלעפאניש פון אונזער קאר-רעספאנדענט).

לויט פראוויזארישע ױאויסרעכנונגען האט די „באנק פאלסקי" אין די לעצטע דריי טעג געקויפט 1 מיליאן דאלאר.

דער קורס פון דאלאר איז היינט געבליבען אהן ענדערונג. „באנק פאלסקי" האט געצאהלט 885 פאר גרעסערע דאלאר-אפשניטען און 8.84 פאר קלענערע.

### יאפאן פערגרעסערט איהרע מילי-טער-רעזערווען אין מאנדזשוריע

ל א נ ד א ן, 10 (ספ. טעל.) פון טאקיא מעלדעט מען, אז די יאפאנישע רעגירונג האט בעשלאסען צו פערגרעסערען די צאהל מיליטער אין מאנדזשוריען ביז 50 טויזענד. יאפאן רעכענט זיך מיט דער מעגליכקייט פון מלחמה-טעטיגקייט אין פערלויף פון גאנצען פריהלינג און זומער.

דאס מיליטער וואס האט געקעמפט הינטער שאנכאי וועט ארויסגעשיקט ווערען קיין מאנדזשור-יען, ווי די יאפאנער ערקלערען פיהרט אן מיט דעם אויפשטאנד אין מאנדזשוריען משאנג-קאי-טשעק אליין.

### דער גרויסער מיליטערישער פאראד אין ווארשא אויפ'ן פילסודסקי-פלאץ, ד. 3-טען מאי



### פוילישע רעגירונג האט בדעה זיך צו ווענדען וועגען א מאראטאריום

#### אויף אויסלענדישע חובות

וו א ר ש א, 10 (טעלעפאניש) די פוילישע רעגירונג האט בדעה זיך צו ווענדען צו איהרע אויסלענדישע קרעדיטארען וועגען א מאראטאריום אויף די חובות, וואס די רעגירונג איז שולדיג אין אויסלאנד. די ווענדונג קומט צוליב דעם, ווייל ס'איז שוין בעקאנט, אז דער הובער-מאראטאריום וועט ווייטער פערלענגערט ווערען.

### גען. נאבילע אין רוסלאנד

#### ווערט א סאוועטישער אינסטרוקטאר

ר י ג ע, 10. (ספ. טעל.) גענעראל נאבילע איז געקומען קיין מאסקווע לויט דער איינלאדונג פון סאוויעטישען טרעסט צו בויען עראפלאנען.

נאבילע האט געשלאסען אן אפמאך מיט דער סאוויעטישער רעגירונג און וועט ארבייטען אלס אינסטרוקטאר און טעכנישער ראטגעבער ביים בויען סאוויעטישע לופט-שיפען.

רעשטען

לאדז, נאוואמיעסקא 5

פראנט, 2-טער שטאק

פערשידענע קאמגארנס, בילינער, טאמאשאווער און לאדזער

אויף אנציגער און פאלטענס

ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען

מיט 30% בילינער

קומט און איבערצייגט אייך, ביי

SZCZĘSLIWY

געפינט זיך נאר

אין פראנט, II שטאק

### שטרענגע התראה

די גרויסע מכשולים פון געשאכטענע עופות ביי ווינקעל-שוחטים האט דערגרייכט, אז מען פער-קויפט גע'פגר'טע עופות אלס כשר, דעריבער איז נאר כשר אזא געשאכטען עוף, וואס האט א בלע-כענע בלאמבע אויף די פולקע, מיט דער אויפ-שריפט „אויפזיכט פון ראבינאט און ועד הכשרות ביי דער קהלה" מיט די דאטע פון דער שחיטה. אהן בלעכענע זאגאר א פאפירענע בלאמבע איז טרפה און א שאלה אויף די כלים.

### התראה צו די קצבים און געגזלער!

מיר זענען שטרענג מתרה אלע געגנ-ערס און יאטקע-אינהאבערס, אז מען וועט קאנטראלירען און וואו מען וועט טרעפען אהן בלעכענע בלאמבע, וועט ווערען בעטראכט אלס מכשיל הרבים און דער וועט ווערען גע'אסר'ט. דער ראבינאט גייט קאנטראלירען.

#### ועד הרבנים עם ועד הכשרות

בעמ: דער געגנלער משה ברזאווסקי און זיין פרוי שרה'משע, ווסבאדניא 5, ביי פיביק, האבען נישט קיין נאמנות אויף כשרות, טאר מען נישט קויפען ביי זיי און ווער ס'האט געקויפט ביי זיי עלם בשר, איז א שאלה אויף די כלים

### בעקאנטמאכונג.

הרה"צ ר'

**אלעזר הלוי עפשטיין שליט"א**

מדזיאלאשיץ, בהרה"צ זצלה"ה מעיר חדש, חתן הרה"צ זצלה"ה מקאמארנא, איז געקומען און וועט זיין שבת פ' אמור ביי זיין זוהן הרב ר' ישראל שליט"א, פינפער-גאס 4, בעט מען אלע אנשי שלומינו צו קומען.

3011

מאשין-מצות

ווערט געבאקען אלע טאג פרישע און דינע, ווי אויך מצה-מעהל, אייער-פערפעל און סובארקעס לויט קארלסבאדער סיסטעם

מיר עמפפעהלען צו יעדער צייט אונזערע גוט-בע-קאנטע און פרישע געבעקסען פון אונזער איבעראל-בעוואוסטער צוקערביע

ב. ווינבערג

38 פיעטריקאווער 38

טעל. 143-82

פיעטריקאווער 14

געדענק! אז דעם 19-טען מאי הויבט זיך אן די ציהונג פון דער 1-טער קלאס

געדענק! אז א גרויס גליק ווארט אויף דיר

געדענק! אז ביי דער לעצטער לאטעריע איז אין מיין גליקליכער קאלעקטור געפא-לען דאס געווינס פון 30 000 זל. אויף נומער 89011

געדענק! קויפען זאלסטו א לאס נאר אין דער גליקליכסטער קאלעקטור פון

F. BRAJTSZTAJN

PIOTRKOWSKA 14

Tel. 142-47.

טעל. 142-47

געדענק! מיין אדרעס, אויב דו ווילסט פטור ווערען פון דאגות

געדענק! אז דער הויפט-געווינס איז 1.000.000 זל.

געדענק! אז פאר א קליינע סומע קענסטו רייך ווערען

געדענק! אז יעדער צווייטער לאס געווינט

געדענק! אז דורך אונז זענען א סך מענשען גליקליך געווארען

געדענק! די צייט איז קורץ, אייל זאפארט אין אונזער קאלעקטור.

פיעטריקאווער 14

לאדזער יודישער מוזיק-פעראיין

„שיר"

דינסטאג, דעם 17 מאי ד. י. 9 א זייגער אווענד

אין „פילהארמאניע"

א גראנדיעזער

קאנצערט

אין פראגראם: ארטאריום

1) „מעשה בראשית"

2) קלאסישע מוזיק

3) יוד. פאלקס-לידער

אונטער דער לייטונג פון

פראפ. י. פיוווישים.

געניערע פרטים — אין ווייטערדיגע אנאנסען.

בילעטען פון 1 זל. ביז 3.50 שוין צו בעקומען אין קאסע פון פילהארמאניע.

